# דער זומער פֿאַרגייט

עס כוואַליעט דער ווינט
און רײַטנדיק פֿאָרן
די וואָלקנס די גרויע
דורך שטורעם און צאָרן.

אין כּעס אויפֿן רעגן
וואָס יאָגט זיך געשווינד
און טאָפּטשעט די וועגן
די בערגלעך פֿון ווינט.

איך זיץ בײַ מײַן פֿענצטער,
עס האַלט מיך דער קומער.
איך זע דאָך פֿאַרשווינדן
מײַן אייגענעם זומער.

געשלעפּט אויף די בערגלעך
פֿון כוואַליענדן ווינט
און ווערט דאָרט פֿאַרשווענקט
אין רעגן אַצינד.